בס"ד

מקץ תשפ"ד
גליון 169

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהו"ן ר"ט)

דער ריינער קוואל

## יָא, חֲנוּכָּה אִיז אַרַיין!

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיי נְעִילַת הַחַג. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן דֶער נַחַת רוּחַ וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהַאט פוּן אוּנְזֶערֶע חֲנֻכָּה-לִיכְט אוּן דִי שַׁעֲשׁוּעִים וָואס אִיז גֶעוָוארְן אִין אַלֶע אוֹיבֶּערְשְׁטֶע אוּן אוּנְטֶערְשְׁטֶע וֶועלְטְן פוּן אוּנְזֶער הַלֵּל אוּן זְמִירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פוּן דִי אַכְט חֲנֻכָּה טֶעג.

ר' נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד אַ וֶועלְטְ'ס גָּאוֹן מִיטְ'ן נָאמֶען רַבִּי נַחְמָן גָאלְדְשְׁטֵיין זַצַ"ל וָואס אִיז בַּאקַאנְט מִיטְ'ן נָאמֶען דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב. נָאךְ יֶעדְן יוֹם טוֹב פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "דֶער יוֹם טוֹב אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער – דֶער יוֹם טוֹב אִיז אַרַיין!" דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג זֶענֶען אַרַיין אִין אוּנְז אוּן וֶועלְן אוּנְז בַּאגְלֵייטְן אוּן בַּאלַייכְטְן אִין אַלֶע פִינְסְטֶערְנִישְׁן.

רַבִּי נָתָן שְׁרֵייבְּט צוּ זַיין זוּן אִין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע בְּרִיוְון; אַז נָאךְ יוֹם טוֹב דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת לְנַחַת וּלְרָצוֹן.

דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועגְן דִי חֲלוֹמוֹת פוּן פַּרְעֹה. פַּרְעֹה הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר זֶעהְט זִיבְּן פֶעטֶע קִיעֶן דֶערְנָאךְ קוּמֶען זִיבְּן מָאגֶערֶע

אוּן אַיינְגֶעדַארְטֶע קִיעֶן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיסְזֶען אוּן שְׁלִינְגֶען אַיין דִי זִיבְּן פֶעטֶע קִיעֶן אוּן עֶס דֶערְקֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אָן אוֹיף דִי מָאגֶערֶע קִיעֶן. דֶער זֶעלְבֶּער חָלוֹם הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט מִיט דִי זִיבְּן מָאגֶערֶע זַאנְגֶען וָואס שְׁלִינְגֶען אַיין דִי זִיבְּן פֶעטֶע זַאנְגֶען. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין פַאר פַּרְעֹה, בִּיז דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אוּן אַזוֹי אִיז יוֹסֵף אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה אוּן גֶעוָוארְן אַ מֶלֶךְ.

רַבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי דָאס אִיז אוֹיךְ שַׁיָּיךְ פַאר אוּנְז אַלֶע. יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז הָאט גוּטֶע צַייטְן וָואס דֶעמָאלְטְס כַאפְּט עֶר אַרַיין תּוֹרָה, תְּפִלָּה מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא בַּיי יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז שְׁוֶוערֶע צַייטְן, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אָדֶער דֶער גוּף אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעזוּנְט אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת מִיט וָואס מֶען פְּרָאבִּירְט אוּנְז אוֹיס. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען צוּמָאל פוּן הִימְל אַרָאפְּוַוארְפְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן דִי אַלֶע גוּטֶע טֶעג אוּן תְּקוּפוֹת וָואס עֶר

המשך אויף קומענדיגע זייט

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

הָאט גֶעהַאט אוּן אַרַיינְגֶעכַאפְּט פוּל מִיט מִצְווֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים. דֶערְפַאר קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי וָואס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק אוּן לֶערְנְט אִיז אוֹיס אַז "בִּשְׁנֵי הַשָּׂבָע" אִין דִי גוּטֶע טֶעג וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז "זַאט בִּקְדֻשָּׁה" זָאל עֶר זִיךְ גוּט אָנְפוּלְן זַיינֶע אוֹצְרוֹת מִיט אַסַאךְ גוּטְס וְויפִיל עֶס גֵייט נָאר אַז וֶוען עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען דִי "שְׁנֵי הָרָעָב - דִי שְׁוַואכֶע טֶעג" זָאל עֶר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי שְׁרֵייבְּט; (תּוֹרָה מ"ח תִּנְיָנָא) "גֶעדֶענְק דָאס גוּט! וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן אַרַיינְגֵיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְפְּסְטוּ זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן זִיךְ צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין פְּלַאץ - דָאס מֵיינְט דָאס בִּיסֶעלֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן..."

אַפָּאר שָׁעָה פַאר רַבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעטַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק לְכוּ אֶל יוֹסֵף אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ (בְּרֵאשִׁית מא) אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין מְקֻשָּׁר צוּ אַ צַדִּיק אוּן טוּן וָואס דֶער צַדִּיק הֵייסְט. קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פְרַייטָאג עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת פַאלְט אוֹיס דֶער יָארְצַייט פוּן רַבִּי נָתָן, עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ צִינְדְן אַ לִיכְטְל לְעִלּוּי נִשְׁמָתוֹ אוּן לֶערְנֶען עֶפֶּעס פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער תְּפִלָּה פוּן "אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר וְנִזְכֶּה כֻלָּנוּ בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ" אָמֵן וְאָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת

## דעם רבי'נס משלים

המשך פון זייט 8

גֶעטְרָאפְן יֶענֶע טַאבְּלִיצֶע (שִׁילְד) אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן אוּן פָארְשְׁטְן בַּיי דִי אַלְטֶע גוֹיִם, אוֹיבּ זֵיי וֵוייסְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָארְט אַמָאל גֶעוֶוען אַ יִשּׁוּב. אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אוֹיבּ עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַמָאל אַ יִשּׁוּב.

אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט גֶעדַארְפְט זוּכְן אַן אָרְט וואוּ צוּ עֶסְן שַׁבָּת, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יֶענֶעם אָרֶעמַאן. הָאט אִים יֶענֶער אָרֶעמַאן דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁילְד אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס שְׁטֵייט דָארְט. הָאט אִים דֶער גַאסְט גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל דִיר פָארְלֵיינֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט. הָאט עֶר אִים דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן דֶער גַאסְט הָאט אִים גֶעלֵיינְט וָואס דָארְט שְׁטֵייט. אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער אִידִישֶׁער אָרֶעמַאן אוּן גֶענוּמֶען אַלֶע אוֹצְרוֹת אוּן דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן וָואס אִיז דָארְט גֶעוֶוען.

(חיי מוהר"ן צ"ט)

הבהרה

אינעם חנוכה גליון איז אריינגעפאלן א טעות.

ר' גדלי פליער איז ב"ה ביים פולן געזונט, עד מאה ועשרים שנה און וואוינט היינט צוטאגס אין ירושלים עיה"ק, ויהי רצון שלא יצא מכשול מתחת ידינו

# איין אשה'לע



## אִין דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט

אִין אוּנְזֶער כִּתָּה מַאכְט מֶען אַסַאךְ גוֹרָלוֹת, אוּן וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין גֶעוואוּנֶען פִּיר מָאל קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעוִוינֶען, נָאר נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע קִינְדֶער גֶעוואוּנֶען פִּיר מָאל קֶען יֶעדֶער נָאכְאַמָאל גֶעוִוינֶען.

אִין טָאג דִי וָואךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל בַּיי אוּנְז אִין כִּתָּה אוּן דֶער גֶעוִוינֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מ. קְרוֹיס, יֶעדֶער דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אָבֶער עֶר רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוואוּנֶען פִּיר מָאל!" הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶענִיצְט דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן שְׁנֶעל גֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אִיךְ זָאל גֶעוִוינֶען", מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי צֶעטְל, אוּן וָואס שְׁטֵייט דָארְט?! יִשְׂרָאֵל מֹשֶׁה!

יָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְט אֵייבִּיג. אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַארְן אַרוֹיסְגֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַזַא שֵׁיינֶע גִלְיוֹן, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה דֶערְמִיט.

**יִשְׂרָאֵל מֹשֶׁה, לָאנְדָאן**

צוּ הַיֶּלֶד הֶחָשׁוּב שְׁמוּאֵל וָואלְף, פוּן בְּלוּמֶענְגְרָאוו, נְיוּ יָארְק. הָאסְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִין טֶעל-לַיין אַפַּאר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג קְלָאר צוּ פַארְשְׁטֵיין בִּיזְן סוֹף מַעֲשֶׂה. אַזוֹי אוֹיךְ פְּרוּבִּיר צוּ פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז דִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוער א.ד.ג אוּן דוּ הָאסְט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן. זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע זַאכְן, מֶען זֶעט פוּן דַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ גוּטֶער אִינְגְל מִיט מִדּוֹת טוֹבוֹת וָואס לֶערְנְט פְּלַייסִיג! שְׁטַארְק דִיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן צוּ מַאכְן בְּחִינוֹת קֶענְסְטוּ דָאס טוּן דוּרְכְן דְרוּקְן קְנֶעפְּל 1 אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן-לַיין, קֶענְסְט בֶּעטְן דַיינֶע גְרֶעסֶערֶע בְּרִידֶער זָאלְן דִיר הֶעלְפְן.

## קֶענֶען בַּיי חֲזָרָה

דָאס יָאר הָאט מֶען גֶעמַאכְט בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אַ חֲזָרָה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט קֶענֶען דִי חֲזָרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל יָא קֶענֶען אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען אוּן וֶוען דֶער מְנַהֵל [מַשְׁגִּיחַ] הָאט מִיר פַארְהֶערְט הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַיין גֶעקֶענְט.

**יִשַׁי**

טַייעֶרֶער יִשַׁי, פַּארְוָואס הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען טְרַאכְט גוּט וֶועט זַיין גוּט! אוּנְז בְּרֶסְלֶבֶ׳ע קִינְדֶער דַארְף זִיךְ שַׁארְפְן דֶעם קָאפּ צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן טְרַאכְטְן גוּט! טְרַאכְטְן ׳אִיךְ וֶועל גוּט קֶענֶען׳. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין נַאר אוּן אַ שְׁלִימַזָל, נִישְׁט צוּ חֲזֶר׳ן אוּן זִיךְ אַיינֶרֶעדְן אַז דִי גְמָרָא וֶועט אַריינְפְלִיעֶן פוּן הִימְל בִּיז דַיין קָאפּ, נֵיין, דָאס זִיכֶער נִישְׁט, אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ טַאקֶע אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ חֲזֶר׳ן גוּט, אָבֶער אַ אִינְגְל מֶעג זִיךְ חֲזֶר׳ן "אִיךְ גֵיי בְּעֶזְר הַשֵּׁם גוּט קֶענֶען, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, עֶר הֶעלְפְט מִיר אַלֶעמָאל אוּן דָאס מָאל וֶועט עֶר מִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן."

## דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן

אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן פְרַייטָאג פַארְנַאכְט'ס, אַזוֹי וִוי עֶס פַאלְט אוֹיס דָאס יָאר, מְ'הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט מַאכְן דֶעם לְוָיָה, אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף שַׁבָּת נָאךְ פַארְן בַּאעֶרְדִיגְן. דֶעם טָאג פְרַייטָאג צוּנַאכְט'ס ווילַאנְג ר' נָתָן אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ קְבוּרָה, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט רֶבִּי נַפְתָּלִי - וֶועלְכֶער הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין אוּמַאן, גֶעהַאט אַ חָלוֹם, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי ר' נָתָן לוֹיפְט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט "וואוּ לוֹיפְסְטוּ?" זָאגְט אִים ר' נָתָן 'אִיךְ' - גְלַייךְ צוּם רֶבִּי'ן!

פְלֶעגְט ר' אַבְרָהָם ר' נַחְמָן'ס פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן רֶעדְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן ר' נָתָן'עָן, אַז נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם קְבוּרָה אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן! דִי קְבוּרָה אִיז דָאךְ גֶעוֶוען מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אוּן נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען לִקְבוּרָה אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן!

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ, גְלַייךְ צוּם רֶבִּין"! וָואס אִיז דִי לָשׁוֹן "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי'ן"?! פְלֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן: "ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען - בַּיים לֶעבְּן "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי'ן"! אִיז וִוי קֶען מֶען גֵיין נָאכְן הִסְתַּלְּקוּת?! גְלַייךְ צוּם רֶבִּי'ן! פוּן וַואנֶעט הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס?! נָאר עֶס אִיז דָא אַ לָשׁוֹן אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ 'כְּפוּם מַה דְאִתְדַבֵּק בַּר נַשׁ בְּהַאי עָלְמָא' - אַזוֹי אִיז עֶר 'בְּעָלְמָא דְאָתִי', לוֹיט וִוי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְדַבֵּק אִין דֶער וֶועלְט - אַזוֹי אִיז עֶר דָארְט אוֹיבְן!

רֶבִּי נָתָן אִיז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעוֶוען "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי'ן", "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי'ן", עֶר הָאט אַוֶועק גֶעלֵייגְט אִינְגַאנְצְן זַיין מֹחַ! אֲפִילוּ אִין זַיין לֶערְנֶען טְרָאץ וָואס עֶר אִיז פוּן פְרִיעֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גָאוֹן בַּנִּגְלֶה, אָבֶער סְ'אִיז אַלֶץ גֶעוֶוען אוֹיפְן דֶרֶךְ פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אִיז דָאס אַ אַנְדֶערֶע תּוֹרָה! סְ'שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דִי תּוֹרָה וָואס מְ'לֶערְנְט לִשְׁמָהּ אִיז אַזַא סָארְט תּוֹרָה וָואס עֶס גֵייט אַזוֹי הוֹיךְ, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ מִיט דִי תּוֹרָה, סְ'אִיז דָא מַלְאָכִים וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶען דִי תּוֹרָה פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט דָאס בַּיי זִיךְ!

ר' נָתָן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גָאוֹן פְרִיעֶר אוֹיךְ, מְ'זֶעט דָאךְ אַז אִין דֶער טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְּקוּת הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן 'כָּל טוּב' - דֶעם תַּנַ"ךְ אִין דֶעם טָאג הָאט עֶר אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט, - דָאס אִיז טַאקֶע אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶערְנֶען, וַוייבַּאלְד עֶר הָאט פַארְזוּכְט דֶעם טַעַם פוּן צַדִּיק, אוּן פַארְזוּכְט זַיין אֱמֶת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ אֱמֶת אִין אַייךְ אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט"! אִיז דָאס אַ אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען!

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט ר' נָתָן גֶעזָאגְט; "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעהוֹילְט מַיין מֹחַ אִינְגַאנְצְן, גֶעהֶערְט אַ וָוארְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן - דָאס אִיז מַיין מֹחַ, נָאךְ אַ וָוארְט - הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל מֹחַ"! אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי "גְלַייךְ בַּיים רֶבִּי'ן" בַּיים לֶעבְּן - אִיז עֶר נָאכְן פְּטִירָה אוֹיךְ "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי'ן"! דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקַייט. (ע"פ טעם זקנים)

# סיפורי מעשיות מעשה ו' - מלך עניו

**מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ חָכָם. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אָן גִירוּפְן צוּם חָכָם:**

**בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדִין אַ מֶלֶךְ. וָואס עֶר חַתְמֶ'עט זִיךְ. אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר אוּן אֵיין אִישׁ אֱמֶת אוּן אֵיין עָנָיו.** (כְּלוֹמַר אֵיין אֱמֶת'ר מֶענְשׁ אוּן הַאלְט פוּן זִיךְ נִישְׁט)

אַ גִבּוֹר וֵויס אִיךְ. אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶערגִבּוֹר. וָוארִין אַרוּם זַיין מְדִינָה גֵייט דֶער יַם. אוּן אוֹיף דֶעם יַם. שְׁטֵייט חַיִל אוֹיף שִׁיפִין מִיט הוֹרְמַאטִיס אוּן לָאזְן נִיט צוּ טְרֶעטִין. אוּן פוּן דֶעם יַם אִינֶעוֵוינִיק. אִיז פַאר הַאנְדְן אַ גְרוֹיסֶער זוּמְפּ אַרוּם דֶער מְדִינָה. וָואס סֶע אִיז דָארְטֶען מֶער נִיט דָא נָאר אַ קְלֵיין וֶועגִיל. וָואס סֶע קֶאן דָארְט נִיט גֵיין נָאר אֵיין מֶענְשׁ,

אוּן דָארְטִין שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ הוֹרְמַאטִין. אוּן אַז אֵיינֶער קוּמְט מִלְחָמָה הַאלְטִין שִׁיסְט מֶען מִיט דִי הוֹרְמַאטִיס. קָאן מֶען אַהִין נִיט צוּ טְרֶעטִין.

נָאר דָאס וָואס עֶר הַתְמִי'ט זִיךְ אַז עֶר אִיז אֵיין אִישׁ אֶמֶת אוּן אֵיין עָנָיו. דָאס וֵוייס אִיךְ נִיט. אוּן אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט מִיט בְּרֶענְגֶען דֶעם פַּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַלֶע פָּאטְרֶעטִין פוּן אַלֶע מְלָכִים. אוּן דֶער פָּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גִיהַתְמִי'ט כַּנַ"ל) הָאט זִיךְ נִיט גִיפוּנֶען בַּיי קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ.

וָוארִין דֶער מֶלֶךְ אִיז פַאר בָּארְגִין פוּן מֶענְשֶׁען. וָוארִין עֶר זִיצְט אוּנְטֶער אַ פִירְהַאנְג. אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּן דִי לַייט פוּן זַיין מְדִינָה. אִיז דֶער חָכָם גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. הָאט זִיךְ דֶער חָכָם מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר בַּאדַארְף וִויסִין דֶעם מְהוּת פוּן דֶער מְדִינָה (כְּלוֹמַר דִי זַאךְ פוּן דֶער מְדִינָה וִוי אַזוֹי דִי מְדִינָה פִירְט זִיךְ)

אוּן דוּרְךְ וָואס קָאן עֶר וִויסְן דֶעם מְהוּת פוּן דֶער מְדִינָה. דָארְךְ דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער מְדִינָה. וָוארְן אַז מִיבַּאדַארְף וִויסְן אַ זַאךְ. מוּז מֶען וִויסְן דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער זַאךְ.

וָוארְן סֶע פַאר הַאנְדְן כַּמָה אִירְלֵיי קַאטָאוֶועס. סֶע פַאר הַאנְדְן אֵיינֶער וִויל טַאקֶע יֶענֶעם טְרֶעפְן מִיט זַיינֶע רֵייד.

אוּן אַז יֶענֶער קוּקְט זִיךְ אַרוּם. זָאגְט עֶר אִים אִיךְ טְרַייבּ קַאטָאוֶועס אַזוֹי וִוי סֶע שְׁטֵייט אִין פָסוּק כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיּוֹרֶה זִיקִים וְכוּ' וְאָמַר הֲלֹא מְצַחֵק אָנִי (כְּלוֹמַר אַזוֹי וִוי אֵיינֶער שִׁיסְט פַיילְן אִין הַארְצְן אַרַיין. אוּן עֶר זָאגְט אִיךְ טְרַייבּ קַאטָאוִועס)

אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מֵיינְט טַאקֶע אוֹיף קַאטָאוֶועס. אוּן עֶר אִיז פָארְט מַזִיק דֶעם אַנְדֶערְן מִיט זַיינֶע רֵייד.

אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן כַּמָה אִירְלֵיי קַאטָאוֶועס. אוּן סֶע פַארְהַאנְדְן אִין אַלֶע מְדִינוֹת אֵיין מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת. (כְּלוֹמַר דִי מְדִינָה אִיז דֶער עִיקָר אוּן דֶער כְּלַל פוּן אַלֶע מְדִינוֹת)

אוּן אִין דֶער מְדִינָה אִיז פַאר הַאנְדְן אַ שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטֶעט פוּן גָאר דֶער מְדִינָה וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת.

אוּן אִין דֶער שְׁטָאט אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיין שְׁטוּבּ וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטִיבֶּער פוּן דֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַ"ל.

אוּן דָארְט אִין דֶער שְׁטוּבּ אִיז פַארְהַאנְדְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז כּוֹלֵל גָאר דִי שְׁטוּבּ, וָואס דִי שְׁטוּבּ אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַ"ל.

אוּן דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מַאכְט גָאר דָאס לֵיצָנוּת אוּן דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה.

הָאט דֶער חָכָם מִיט זִיךְ גִינוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְד. אוּן אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז מִימַאכְט דָארְט כַּמָה אִירְלֵיי גִישְׁפֶּעט אוּן קַאטָאוֶועס הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אִין דֶעם קַאטָאוֶועס אַז דִי מְדִינָה אִיז דוּרְךְ פוּל מִיט שְׁקָרִים (דְהַיְינוּ לִיגְן) וָוארִין עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז מִמַאכְט גִישְׁפֶּעט. וִוי אַזוֹי מִנַארְט מֶענְטְשְׁן אִין מַשָּׂא וּמַתָּן.

אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קוּמְט זִיךְ לָאדִין אִין מַאנִיסְטְרַאט. אוּן דָארְט אִיז דוֹרְךְ לִיגְן. אוּן זֵיי נֶעמֶען שׂוֹחַד. גֵייט עֶר צוּם הֶעכֶערִין סָאנְד. אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ גָאר לִיגְן. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלְץ גִימַאכְט גִישְׁפֶּעט אוֹיף קַאטָאוֶועס. אָן שְׁטֶעלִין פוּן דִי אַלֶע זַאכִין.

הָאט דֶער חָכָם פַארְשְׁטַאנֶען אִין דֶעם קַאטָאוֶועס אַז דִי מְדִינָה אִיז פוּל מִיט לִיגְן אוּן מִיט רַמָאוּת אוּן סֶע גָאר קֵיין שׁוּם אֶמֶת נִיט אִין דֶער מְדִינָה.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיהַאנְדְלְט אִין דֶער מְדִינָה. אוּן הָאט זִיךְ גִילָאזְט נַארִין אִין דֶעם מַשָּׂא וּמַתָּן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זִיךְ לָאדִין פַאר דִי סָאנְדִיס. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע פוּל מִיט לִיגְן אוּן נֶעמֶען שׂוֹחַד. הַיינְט הָאט עֶר זֵיי גִיגֶעבְּן שׂוֹחַד. מָארְגְן הָאבְּן זֵיי אִים נִיט גִיקֶענְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין הֶעכֶערִין סָאנְד אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ פוּל מִיט לִיגְן.

בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען פַאר דֶעם סֶענַאט. אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ דוּרְךְ לִיגְן אוּן שׂוֹחַד. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צ וּם מֶלֶךְ אַלֵיין. אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זִיךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט. אִיבֶּער וֶועמֶען בִּיסְטוּ אַ מֶלֶךְ. דִי מְדִינָה אִיז דוּךְ אִין גַאנְצְן פוּל מִיט לִיגְן דוֹרְךְ. פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בִּיז אִין אוֹיסְלָאז. אוּן סֶע אִיז אִין אִיר קֵיין שׁוּם אֶמֶת נִיט דָא. אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבְּן אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן גָאר דָאס פַאלְטְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה. וִוי דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד. הָאט עֶר זִיךְ צוּ גִיבּוֹיגְן זַיינֶע אוֹיעֶרִין צוּם פִּירְהַאנְג. עֶר זָאל הֶערִין זַיינֶע רֵייד.

וָוארְן סֶע בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיס וִוינְדֶער גִיוֶוען אַז סֶע זָאל זִיךְ גִיפִינֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל וִויסְן גָאר דָאס פַאלְטְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה.

אוּן דִי שָׂרֵי מְלוּכָה הָאבְּן גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד אוּן זֶענֶען אוֹיף אִים זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶוען. אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אַלְץ וַוייטֶער דִי פַאלְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה.

הָאט זִיךְ דֶער חָכָם אָנְגִירוּפְן. מֶען וָואלְט גִיקֶענְט זָאגִין אַז דֶער מֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי וִוי זֵיי אַז עֶר הָאט לִיבּ לִיגְן אַזוֹי וִוי דִי מְדִינָה. נָאר אַדְרַבָּא פוּן דַאנֶעט זֶעהְט מֶען וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט אֵיין אִישׁ אֶמֶת אוּן דֶערְאִיבֶּער בִּיסְטוּ וַוייט פוּן זֵיי מַחְמַת דוּ קָאנְסְט נִיט סוֹבֵל זַיין דֶעם שֶׁקֶר פוּן דֶער מְדִינָה.

אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר זֵייעֶר צוּ לוֹיבִּין. אוּן דֶער מֶלֶךְ מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו וּבִמְקוֹם גְדוּלָתוֹ שָׁם עַנְוְותְנוּתוֹ.

וָוארִין אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן אֵיין עָנָיו. אַז וָואס מֶער מְלוֹיבְּט אִים אוּן מְגְרֵייסְט אִים. וֶוערְט עֶר אַלְץ קְלֶענֶער בַּיי זִיךְ אוּן מֶער עָנָיו אַלְץ. אוּן מַחְמַת דֶער חָכָם הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן גִיגְרֵייסְט דֶעם מֶלֶךְ. אִיז דֶער מֶלֶךְ אַרֵיין גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס עֲנָוָה אוּן אִין זֵייעֶר קְלֵיינְקֵייט אַרֵיין. בִּיז עֶר אִיז גִיוָוארִין גָאר נִישְׁט.

הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גִיקָאנְט אַיין הַאלְטִין אוּן הָאט אַ וָוארְף גִיטָאן דֶעם פִּירְהַאנְג. עֶר זָאל זֶעהְן דֶעם חָכָם. וֶוער אִיז דָאס וָואס עֶר וֵוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט דָאס אַלְץ.

אִיז אַנְפְּלֶעקְט גִיוָוארִין דָאס פָּנִים פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט אִים דֶער חָכָם גִיזֶעהְן הָאט עֶר אָפְּגִימָאלְט זַיין פַּאטְרֶעט.

אוּן הָאט גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ.

הר"ר אליעזר פאפנהיים הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הר"ר ראובן ווייס הי"ו
לרגל אירוסי בנו החשוב
כמר שמואל זאנוויל נ"י למזל טוב

הר"ר דוד הורוויץ הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די זעקסטע מעשה - מלך עניו

**א. וויאזוי האט זיך דער מלך גע'חתמ'עט?**
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור און א איש אמת און א עניו
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור און א איש אמת און א עושר

**ב. וועלכע זאך פון די חתימה האט דער מלך געזאגט פאר דעם חכם אז ער ווייסט עס נישט?**
- ☐ אז ער איז א איש אמת און א עניו
- ☐ א אז ער איז א גרויסער גבור
- ☐ אז ער איז א איש אמת

**ג. האט דער מלך געהאט דעם פאטרעט פון אלע מלכים?**
- ☐ ער האט געהאט אלע פאטרעטן
- ☐ ער האט נישט געהאט קיין איין פטרעט
- ☐ ער האט געהאט אלע פאטרעטן חוץ פון דעם פאטרעט פון דער מלך וואס האט זיך אזוי גע'חתמ'עט

**ד. וואס איז מיט דעם מלך?**
- ☐ ער זיצט אונטער א פאראהאנג
- ☐ ער איז ווייט פון די לייט פון זיין מדינה
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. דורך וואס קען דער חכם וויסן די מהות פון די מדינה?**
- ☐ דורך די קאטאוועס פון דער מדינה
- ☐ דורך די שרים פון די מדינה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער חכם פארשטאנען אויף יענע מדינה?**
- ☐ אז די מדינה איז פול מיט גאוה
- ☐ אז די מדינה איז פול מיט צדיקים
- ☐ אז די מדינה איז פיל מיט שקרים

**ז. וואו איז דער חכם אנגעקומען ביים סוף?**
- ☐ צו די סאנדים
- ☐ צו דער משנה למלך
- ☐ צום מלך אליין

**ח. וואס האט דער חכם פארציילט פאר דעם מלך**
- ☐ די פאלשקייט פון די מדינה
- ☐ די גאוה פון די מדינה
- ☐ די אמת פון די מדינה

**ט. וואס האט דער מלך געטון ווען דער חכם האט דאס געזאגט?**
- ☐ גארנישט
- ☐ ער האט זיך צוגעבויגן זיינע אויערן צום פאראהאנג
- ☐ ער האט גלייך אראפ געווארפן דעם פאראהאנג צו זען דעם חכם

**י. וואס האט דער מלך געטון?**
- ☐ ער האט געקוקט פון די זייט פון פאראהאנג צו זען דעם חכם
- ☐ ער האט געלייגט נאך א פאראהאנג אז דער חכם זאל אים נישט זען
- ☐ ער האט א ווארף געטון דעם פאראהאנג ער זאל זען דעם חכם

## טיפער געטראכט



**וועלכע לשון וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה זאגט מען מוצאי שבת?**

**תשובות אויף די פריערדיגע וואך (בן מלך מאבנים טובות)**

**וועלכע מדה לערנען מיר זיך פון די מעשה אז מען זאל זיך דערווייטערן? קנאה**

**וויפיל מאל האט דער קעניג גוזר געווען? 3**

**וואס האט דער קעניג גוזר געווען אויף די אידן? מען זאל מתפלל זיין פאר זיינעט וועגן.**

**וואס האבן די אידן געטון? געזוכט א צדיק וועלכער זאל מתפלל זיין און פועל'ן ער זאל האבן קינדער.**

**דער געווינער אויף 'מלך שגזר שמד' 2 איז הילד החשוב שמעון יארבלום,**

**דער געווינער אויף בן מלך מאבנים טובות איז הילד החשוב נחמן שמעון ווייס, ירושלים**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ קְלֵיינֶער קֶענִיג אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג אוּן אִים אַיינְגֶענוּמֶען, אוּן אִים אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּנְטֶער אִים. אַזוֹי הָאט דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג אַיינְגֶענוּמֶען נָאךְ קֶענִיגְן אוּן לֶענְדֶער.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ צַייט אוּן דֶער קְלֵיינֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט. עֶר הָאט זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען צוּזַאמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע קֶענִיגְן אוּן אַרוֹיס קֶעגְן דֶעם גְרוֹיסְן קֶענִיג וֶועלְכֶער הָאט זֵיי אַיינְגֶענוּמֶען אוּן צוּרִיק מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט אִים, בִּיז זֵיי הָאבְּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען זֵייעֶר לַאנְד פוּן אוּנְטֶער אִים, אוּן וִוי אוֹיךְ אַיינְגֶענוּמֶען פוּנֶעם גְרוֹיסְן קֶענִיג פוּן זַיינֶע לֶענְדֶער.

הָאט זִיךְ דֶער קְלֵיינֶער קֶענִיג בַּארֶעכְנְט, אַזוֹי וִוי עֶר זֶעהְט אַז דָאס רֶעדְל דְרֵייט זִיךְ, אַמָאל נֶעמְט דֶער אֵיין, אוּן אַמָאל קוּמְט צוּרִיק יֶענֶער אוּן נֶעמְט צוּרִיק אֵיין דֶעם צְוֵוייטְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס וַוארְט אִים אִין דֶער צוּקוּנְפְט? אֶפְשָׁר וֶועט זִיךְ צוּרִיק אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי זַאךְ?

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעבּוֹיעֶט אַ גְרוֹיסְן מוֹיעֶר נֶעבְּן יַם, אוּן בַּאהַאלְטְן דָארְט אִין דֶעם שְׁלָאס דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן אוּן גֶעלְט וָואס עֶר הָאט צַאמְגֶענוּמֶען פוּן זַיין גַאנְצֶע לַאנְד. עֶר הָאט דָארְט גֶעמַאכְט עֶטְלִיכֶע צִימֶערְן, וֶוען אִין יֶעדֶע צִימֶער אוּן צִימֶער הָאט עֶר בַּאהַאלְטְן אַן עֶקְסְטֶערֶע מַטְבֵּעַ, אוּן גֶעהָאנְגֶען אַ בְּלַאט

## דֶער אָרֶעמַאן וָואס הָאט גֶעפוּנֶען אַן אוֹצָר

וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן טַאבְּלִיצֶע (אַ שִׁילְד) בַּיים אַרַיינְגַאנְג, אוּן דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּן דִי מַטְבֵּעַ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם צִימֶער, אוּן בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם גַאנְצְן שְׁלָאס אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט קוּנְצְלִיךְ אַ מַאשִׁין וָואס הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיינְגֵיין, וַוייל וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט רִיכְטִיג דִי וֶועג אוּן רִיכְטוּנְג אוּן אִין וֶועלְכֶע זַייט זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיים אַרַיינְגֵיין, הָאט דִי מַאשִׁין אִים אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם קָאפּ.

דָארְט אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז גֶעהָאנְגֶען אַ טַאבְּלִיצֶע (שִׁילְד) וָואס אוֹיף דֶעם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע שְׁפְּרַאכְן דִי וֶועג אוּן דִי חָכְמָה וִוי אַזוֹי אַרַיינְצוּגֵיין, וִוי אוֹיךְ וֶועלְכֶע זַייט זִיךְ צוּ בֵּייגְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אָן וָואס דִי מַאשִׁין זָאל אִים שֶׁעדִיגְן. נָאךְ אַ צַייט הָאט אַ שְׁטְרָאם פוּן יַם אָפְּגֶעשְׁוֶוענְקְט דֶעם גַאנְצְן אִינְזְל מִיטְן שְׁלָאס אוּן דִי זַאךְ אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן.

נָאךְ אַפָּאר הוּנְדֶערְט יָאר, אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אֵיינֶער אַ קֶענִיג אוּן אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם קְלִימַאט אוּן הָאט גֶעפוּנֶען דֶעם אִינְזְל. אָט דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין אוּן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן דָארְט בַּיים אִינְזְל אַ וואוֹינְאָרְט. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט דָארְט בַּאזֶעצְט אִידִישֶׁע אַיינְוואוֹינֶער אוּן אוֹיךְ פוּן דִי גוֹיִם, אוּן וַוארְשַׁיינְלִיךְ הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מֶער אָרֶעמֶע אִידְן אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִין נַייעֶ פְּלֶעצֶער.

הָאט דָארְט גֶעווּאוֹינְט אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט אַ קְלֵיין שְׁטִיבֶּעלֶע נֶעבְּן יַם. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוָוארְן פְרַייטָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען גְרָאבְּן לֵיים, אוּן הָאט המשך אויף זייט 2